מיוחד
ל-כ"א אדר

בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של
רביה"ק **מוהר"ן מברסלב** זי"ע
מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתובל בסיפורי עובדות
מאנ"ש מדורות הקודמים

ליקוט מיוחד לקראת כ"א אדר, יום הילולא קדישא
של הרה"ק **רבי אלימלך מליזענסק** זצוק"ל

כמה עובדות ואמרות טהורות, והנהגותיו הקדושים
שנשמע מפי המחבר ז"ל

מכון
טעם זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

# תוכן השיעור


אם רבינו ראה אותו
פון די אכט זקנים
העכער פונעם ספר
אנשי שלומינו אצל ציונו ביומא דהילולא
פתחו לי שערי צדק
בלי מסך המבדיל
נדמה לו שעשה תשובה
דו האסט שוין אלעס פארראכטן?
בחביבותא תליא
אכצן חסידים
זיי ווילן דיר שוין אויך נישט
סגור ומסוגר עד חצות
הנהגתו בראש השנה
תּוֹכַחַת מְגֻלָּה מֵאַהֲבָה מְסֻתָּרֶת
א מת האסטו מיר געבראכט?
בעט איבער דיין איידעם!
זיך אַנטזאגט פון זיין שוחט
לאזער, דאס איז דאך אונזער דוד'ל!
א 'לייטער' צום גרויסן אור
אט דאס ווילט איר מאכן פון מיר
שאל אביך
הפולנים הגנבים
מטמא טהורים
איך יערב לך שינתך?
לך אל אחי
מה אתה מתפלא על נכרי?



ניתן להאזין לכל השיחות שי"ל על ידינו:
בקו 'מערכת ברסלב' 1# 2#
ארה"ק: 02.560.7387
ארה"ב: 646.585.2985
ענגלאנד: 0330.390.0487
בעלגיע: 03.808.1775


מכון טעם זקנים
שיחותיו של רבי לוי יצחק בנדר ז"ל


הערות והארות מתקבלות
בחפץ לב, נא להתקשר אל:
**יוסף מענדל האס**
מאנסי ארה"ב
**1-845-200-0443**
(ארה"ק: 072-257-3456)



©
כל הזכויות שמורות



לקבלת הקונטרס וכן
ההקלטה (MP3) של השיעור,
יש לפנות דרך האימייל:
**Rlyb148@Gmail.Com**

ניתן לקבל את הקונטרסים
דרך הדואר (בכל שבועיים)
במחיר חודשי של 15$ עבור
הוצאות עריכת הקונטרסים
**נא לפנות אל מס'**
**(+1) 347-232-7166**

בס"ד

לקראת יום הילולא קדישא של

הרה"ק רבי **אלימלך מליזענסק** זצוק"ל

כ"א אדר

## אם רבינו ראה אותו

(השואל: דער רבי האט זיך געקענט מיט אים?) איך ווייס נישט, דער רבי איז אלט געווען פופצן יאר ווען ער איז נפטר געווארן. ער איז נפטר געווארן תקמ"ז (ורבינו נולד תקל"ב), מען ווייסט נישט. אפשר האט ער אים געזעהן אין מעזיבוש. זיי פלעגן אלע קומען קיין מעזיבוש - אלע צדיקים[א], איז קען זיין אז דער רבי האט אים דארט געזעהן.

❖ ❖ ❖

## פון די אכט זקנים

איך האב געהערט אין אומאן ביי אונזערע לייט, אז דער רבי האט דאך גערעדט די ערשטע מעשה פון די 'אכט זקנים'[ב]. פלעגט מען זאגן [אז דער רבי האט געזאגט:] **אז דער רבי ר' אלימלך איז איינע פון די אכט זקנים - פון די 'בעלי זכרונות'!** ווער,

[א] עי' שיחות הר"ן קל"ח: "וסיפר **שבבית אביו ואמו הצדיקים זכרונם לברכה היו שכיחים שם כל הצדיקים. כי כל הצדיקים היו מצויים בקהילת מעז'בוז' מחמת שהוא מקום הבעל שם טוב זכרונו לברכה. ורובם ככולם התאכסנו בבית אביו זכרונו לברכה**, ושמע הרבה מעשיות מצדיקים ועל ידי זה היה עקר התעוררותו להשם יתברך עד שזכה למה שזכה".

[ב] בספה"ק "סיפורי מעשיות", מעשה י"ג - יום א'.

וואס - ווייסט מען נישט! ער איז געווען איינער פון די אכט זקנים, פון די אכט פרשיות פון תפילין![ג]

❖ ❖ ❖

## העכער פונעם ספר

דער רבי האט געזאגט אויפ'ן רבי'ן ר' אלימלך: אז "ער איז העכער פונעם ספר"![ד] דער 'נועם אלימלך' איז אזויפיל גרויס - ס'איז דאך א געוואלד! דער נועם אלימלך איז דאך א געוואלד! (אבער) "ער איז נאך העכער פונעם ספר".

ס'איז דא צדיקים וואס זיי מאכן א ספר, און זיי שטעלן אריין אינעם ספר הויכע מדריגות, אבער 'ער' האלט נישט דערביי, דאס הייסט דער ספר איז העכער פון איהם!; און ס'איז דא אזעלכע צדיקים וואס דער ספר איז גלייך מיט איהם - ביי וואס ער האלט!; און ס'איז דא אזעלכע צדיקים - וואס ער איז נאך 'העכער' פונעם ספר; וויפיל ער שטעלט אריין אינעם ספר - איז ער נאך העכער. דער רבי האט געזאגט אויפ'ן 'נועם אלימלך': ער איז נאך העכער פונעם ספר! - איז דאך געוואלדיג, אזעלכע גדלות'ן האט דער רבי געזאגט אויפן רבי'ן ר' אלימלך![ה]

❖ ❖ ❖

## אנשי שלומינו אצל ציונו ביומא דהילולא

אונזערע לייט פון פוילן פלעגן אלע אלע יאר פארן דארטן צום רבי'ן ר' אלימלך אויפן יארצייט, כ"א אדר. עס איז געווען אן אייניקל דארט, פלעגט ער צוגרייטן שמירה,

---

[ג] עפ"י ליקוטי הלכות הל' תפילין ה'.

[ד] חיי מוהר"ן אות תקנ"ג.

[ה] ע' חיי מוהר"ן תצ"ט: "פעם אחת סיפר (רביז"ל) מענין הבטחון ואמר שיש צדיקים שאין מניחים אצלם ממון מיום לחברו, כמו שמספרין מכמה צדיקים גדולים שהיו לפנינו, כגון הבעל שם טוב זכרונו לברכה, **והצדיק הקדוש מורנו הרב אלימלך זכרונו לברכה**, וכיוצא בהם שבכל יום ויום היו מפזרים כל הממון שהיה בידם ולא הניחו אצלם שום ממון מיום לחבירו. ואמר שצריכין להיות לזה בריה גדול להיות חזק בהבטחון ולעמד על עמדו, כי אם שוגים בזה תנועה קלה בעלמא לא טוב".

איינגעפאקט אביסל - א פעקל פאר א שמירה, און מען האט אים געצאלט דארטן, אזוי איז געווען. געוועגטליך (- כמובן) האט מען אים מהנה געווען - אבער ער איז נישט געווען קיין רבי: זיצט דאוונט און לערנט[י].

❖ ❖ ❖

## פתחו לי שערי צדק

"פתחו לי שערי צדק - זה השער לה'"[ז]. האט דער רבי ר' אלימלך אזוי געטייטשט: דער "שער לה'" איז, אז ער שרייט כסדר "פתחו לי שערי צדק" - עפן מיר אויף! - אט דאס איז דער שער לה'! ער ווייסט אז ס'איז דארטן דא טויערן, טויערן, טויערן, טויערן. טאמער וועט ער מיינען אז מען האט אים שוין געעפנט דעם טויער, איז דאס נישט קיין "שער לה'". דער שער לה' וואס "צדיקים יבאו בו", איז צו שרייען תמיד דעם "פתחו לי שערי צדק". אזוי שטייט פונעם רבי'ן רבי אלימלך[ח].

❖ ❖ ❖

## בלי מסך המבדיל

דער רבי ר' אלימלך האט געזאגט: "כל ימיו איז זיין עבודה נאר, אז ער זאל קומען דארטן - זאל איהם קיין שום זאך נישט קענען איהם אויפהאלטן, ער זאל גיין ארויף ווי ער דארף גיין!"[ט]

דער צדיק, אז ער זאגט א דיבור - רעדט ער דאס פאר זיך, און ער רעדט דאס פאר יעדן איינעם אויך. דער מענטש דארף משתוקק זיין אז די אלע תענוגים זאלן אים נישט

---

[י] לציין שכמה כתבי עת שמלפני מלחמת עולם השניה שכותבים אודות ההילולא בליזענסק, מציינים שחסידי ברסלב היו אז מראשי הבאים שמה.

[ז] תהלים קיח.

[ח] עי' נועם אלימלך בליקוטי שושנה, ד"ה פתחו לי שערי צדק.

[ט] עי' בספה"ק "עבודת ישראל" פר' חיי שרה: "כל ימי חיותם עושים הכנה לרגע הפירוד שיפרדו מעולם הזה בקדושה ובטהרה. וכמ"ש בזוה"ק הני צדיקי חשבו בליבייהו כאילו ההוא יומא מסתלקים מעלמא, ומכינים את עצמם בשמחה ובטוב לבב לעת עלות נפשם לשרשם. **וכמ"ש מרבינו הצדיק מורינו אלימלך זכר צדיק לברכה שכל תשוקתו היתה להפרד מעולם הזה החומרי ולעמוד במקור הקדושה מבלי לבוש החומר העב"**.

מונע זיין, עס זאל אים נישט מונע זיין פון דאווענען, מונע זיין פון לערנען, עס זאל אים נישט מונע זיין פון מצוות און מעשים טובים, און ווער שמועסט פון לעתיד - אוודאי אזוי, דאס דארף ער וועלן.

דער רבי ר' אלימלך האט דאס גערעדט אין זיין בחינה, אבער מיר דארפן דאס רעדן יעדער אין זיין זאך - אז א צדיק רעדט א דיבור, רעדט ער דאס פאר אלעמען - פון דעם קלענסטן - כקטן כגדול. נאר וואס דען, מען דארף נישט לאזן זיך נארן. אבער דער דיבור איז געזאגט געווארן פאר מיר אויך - און פאר דעם גרעסטן צדיק אויך!

❖ ❖ ❖

## נדמה לו שעשה תשובה

עס שטייט פון רבי'ן ר' אלימלך: "עס קומט אויף דער עלטער, קען ער נישט שלאפן, מיינט ער אז ער האט צובראכן תאוות שינה, ער קען נישט עסן (וכו'); נמצא גייט ער אוועק אן תשובה"[י].

א מענטש אמאל קען זיך אפנארן: 'אויף וואס דארף איך שוין געלט?!' - ער איז אן ארימאן, ער האט נישט וואס צו עסן, ער עסט א שטיקל ברויט מיט וואסער, מיינט ער, אז ער האט צובראכן תאוות אכילה, מארגן וועט מען אים געבן א גוטן פרישטאג וועט ער גוט עסן. אבער בשעת ער האט נישט, מיינט ער, אז ער האט צובראכן תאוות אכילה - דאס איז גענארט. אז איינער קען נישט שלאפן, ער איז נישט געזונט, (מיינט ער) אז ער האט צובראכן די תאוות שינה; ער קען דאך נישט שלאפן, און מארגן אז ער ווערט געזונט, שלאפט ער אפ - דארף מען האבן גרויס רחמים מען זאל זיך נישט אפנארן. עס איז פארהאן אמאל - 'די תאוות ווארפן מיר אוועק', נישט 'איך ווארף אוועק די תאוות'; ממילא (רעד איך מיך איין) 'איך האב זי שוין צובראכן'[יא].

---

[י] אהל אלימלך אות קמ"ב, ומסיים שם: ואינו מרגיש כלל שכל זה הוא מחמת שנחלשו אבריו וחושיו, ביז ער איז זיך אליין מוחל זיינע עבירות און שטארבט רח"ל אן תשובה רח"ל רח"ל".

[יא] עי' שיחות הר"ן נ"ו: "יש בני אדם שנדמה עליהם שהם רחוקים מאיזה תאוות גדולות כגון מתאות ממון וכיוצא **בזה. דע שאף על פי כן יכול להיות שהוא גרוע יותר מחבירו שהוא משוקע באותה התאוה, דהיינו שיש לו איזה תאוה אחרת שהוא משוקע בה כל כך עד שאפילו תאות ממון וכיוצא בזה שהיא תאוה גדולה מאד נתבטלה אצלו**

דער מענטש דארף ביי זיך פירן אזא מין חשבון: 'וואו האלט איך אין דער וועלט?! דער 'וואו האלט איך אויף דער וועלט'! כאטש איך זעה אז עס איז נישט אזוי בסדר, איז לאמיר כאטש וויסן! לאמיך נישט זיין קיין 'עושה מעשה זמרי ומבקש שכר כפנחס!'[יב].

טאקע דער ענין פון התבודדות - אסאך זאכן גיט עס אריין: קודם גיט עס אריין א זאך - זאל איך טאקע ווערן בעסער, און ווידער, איך ווייס כאטש וואו איך האלט, איך קען זיך כאטש, איך פיר א חשבון. איי, יענער מיינט? אבער איך ווייס דאך וואס מיט מיר טוט זיך.

❖ ❖ ❖

## דו האסט שוין אלעס פארראכטן?

ס'איז דא א בריוו אין סוף 'נועם אלימלך'[יג], דער רבי אלימלך האט געהייסן רבי אלעזר'ן (בנו) אז ער זאל ענטפערן דעם בריוו, ער איז זייער מקפיד דער רבי אלימלך, ער (השואל במכתב) פרעגט צו ער זאל פארבייטן דעם נוסח (מאשכנז לספרד), גיט ער אים: "האסטו שוין פריער פארראכטן אלעס - אז דו פרעגסט צו זאלסט בייטן דעם נוסח?!" דערלאנגט ער אים אזוי פיל - א געוואלד! זעהט מען אז ער האט אויך נישט געוואלט ליידן וואס מען פרעגט אויף בייטן נוסח, ער וויל נישט ליידן פארוואס מען כאפט זיך אָן אין נוסח - 'פייער' 'פייער'! "איך וואלט דיר גארנישט ווען געדארפט ענטפערן אויך" - יענער איז געווען א גרויסער תלמיד חכם און אלץ כבוד התורה האט ער אים געענטפערט, נאר ער דערלאנגט אים אזוי.

---

**כנגד אותה התאוה, נמצא שהוא גרוע יותר כי הוא משוקע כל כך באיזה תאוה עד שאפילו תאוה גדולה של ממון וכיוצא נתבטל אצלו מחמת התאוה. ואפילו אם היתה התאוה שהוא משוקע בה קטנה מתאוה האחרת שהוא רחוק ממנה, עם כל זה אין נפקא מנה כלל מאחר שהוא משוקע בה כל כך עד שתאוה גדולה נתבטל אצלו על ידי זה כנ"ל".**

[יב] גמ' סוטה כב:

[יג] מכתב הזה נעתק בקצת מהדורות של הנועם אלימלך, ואין זה מב' המכתבים שנעתקו ברוב הדפוסים.

דער רבי ר' אלימלך איז געווען א 'איש אמת', א געוואלדיגער איש אמת, ער האט זיך נישט געלאזט אפנארן, פארפירן א קאפ מיט נוסח, "און פאר נוסח ביסטו שוין פערטיג?!"

❖ ❖ ❖

## בחביבותא תליא

דער רבי ר' זושא איז געווען אמאל ביים רבי'ן ר' אלימלך, זיי זענען געווען צוויי ברידער. האט ער איהם געפרעגט: "ברודער זאג מיר, וואס עפעס ביי דיר טוהט זיך אזעלכע גרויסע זאכן, מופתים גרויסע, עפעס געוואלדיגע זאכן טוהט זיך ביי דיר?". דער רבי ר' אלימלך האט געקלינגען אין דער וועלט מיט זיינע גרויסקייטן און מיט זיינע עובדות - א געוואלד!. האט ער איהם געענטפערט: "**דאס איז נאר דערפאר, ווייל די וואס קומען צו מיר האבן זיך ליב איינער דאס אנדערע!**" - אזוי האט איהם דער רבי ר' אלימלך געענטפערט.

האט געזאגט דער רבי ר' זושא: "**יא, ס'איז ריכטיג, אַ דאָס איז דאָס!**" - ער האט איהם מודה געווען אז דאס איז דאס, דער כח וואס איז דא דא, דאס איז דאס. אז ס'איז דא אהבה צווישן דעם צדיק'ס מענטשן, איז א געוואלדיגער נחת רוח פארן צדיק, איז 'ער אליין' גאר אן אנדערער מענטש![ד]

❖ ❖ ❖

[ד] אהל אלימלך ר"ח. ועי' במאור ושמש פר' בלק: "וכן שמעתי מפי אדמו"ר בוצינא קדישא מו"ה אלימלך זצוק"ל כששאל אותו ביחוד הצדיק המפורסם בוצינא קדישא אחיו מו"ה משולם זושא זללה"ה **הייתי אז אצלם כששאל אותו בזה הלשון:** אחי למוד לי זה שאתה הוא פועל נסים ונפלאות ומעשים נוראים שאוכל גם כן לפעול כך. כלל הדברים בקיצור שהשיב לו אדמו"ר שהוא על ידי התחברות הצדיקים ואהבה וחיבה וריעות ביניהם על ידי כן נפעלים ונעשים כל הנסים וכל הפעולות והמעשים נוראים, והודה הצדיק הנ"ל לדבריו ואמר בודאי כי זה עיקר הכל!".

## אכצן חסידים

(השואל: דער רבי ר' אלימלך האט געהאט 'אכצן חסידים', צום סוף האט ער געהאט 'פערציג', האט ער אויסגערופן: אז ס'זאל קיינער נישט קומען צו אים עסן -) **ניין! ער האט אזוי געזאגט: "דאס איז שוין דעם בעל דבר'ס חסידים!". ביים רבי'ן רבי אלימלך איז געווען 'אכצן חסידים'** (רצה לומר, עיקר תלמידיו המקורבים ביותר)**, און נאך דעם איז געקומען מער, האט ער געזאגט: "דאס איז שוין דעם בעל דבר'ס חסידים!"**[טו]

❖ ❖ ❖

## זיי ווילן דיר שוין אויך נישט

**דער רבי ר' אלימלך האט זיך אמאל אוועקגעלייגט דארטן אויף אן ארט, עס איז געווען דארטן - - זיי בייסן ביינאכט**[טז] **- זיי האבן אים צעביסן אינגאנצן, האבן זיי שוין נישט געהאט וואו צו בייסן, עס איז שוין נישט געווען וואו צו בייסן - אומעטום.** (אמר:) **"זעה מיילעך מיילעך - ווער דו ביסט, זיי ווילן דיר אויך שוין נישט, דו ביסט אזוי מגושם אז זיי ווילן דיך שוין אויך נישט!"**[יז]

**נו, דאס איז אלץ געווען געוועטליך** (- פארשטענדליך)**, יא, ביי דעם רבי'ן ר' אלימלך - עפעס א קלייניקייט? דער רבי ר' אלימלך; אבער אונז האט מען דאך מודיע געווען - נישט דאס, נישט דאס טאן**[יח]**.**

---

[טו] עי' אהל אלימלך אות קנ"ו: "פעם אחת בא הרב ר' אלימלך לביהמ"ד ומקל בידו לגרש החסידים מהביהמ"ד ואמר להם: כי הבעל"ד היצה"ר בא אליו ואמר: אחר שאתה רודפני בחסידים - אני אעשה כל העולם חסידים ולא יהיה להם כח. ע"כ אני ירא אולי אתם שלוחי הבע"ד".

[טז] וואנצן (בעדבאג"ס).

[יז] אהל אלימלך קנ"ט.

[יח] עי' שיח שרפי קודש ח"ג, אות ע"ג, צ"ה. גם עי' בספה"ק "מאור ושמש" פר' וילך: "כי הנה ישנם אנשים אשר יחשבו כי תוכן התשובה הוא יום ענות אדם נפשו בתעניתים וסיגופים, ואולם לא בזה בחר ה' **ובפרט בדורות האלו צוה לנו אדמו"ר הרב האלקי הקדוש מו"ה אלימלך זצוק"ל לבל יתענו יותר ממה שציוו חז"ל כי כשל כח הסבל לסבול התעניות והסיגופים ואין באפשרי לקנות שלימות על ידי תעניתים**, זולת מי שבטוח על כוחו ואונו שיהיה יכולת בידו לקבלם, או פגם חס ושלום בעבירות חמורות יבוא לפני צדיקי הדורות להורות

דו ווילסט זיך אוועקלייגן אז די בינען זאלן דיך בייסן? זיי זאלן דיך טאן? זוך זיך אפ א ווינקעלע און זעץ זיך אוועק - 'רעד צום אויבערשטן דיבורים' אזוי ווי פאר א גוטן פריינד - און דאס וועט בייסן, דאס וועט בייסן! דאס וועט שוין בייסן!...

❖ ❖ ❖

## סגור ומסוגר עד חצות

אויפ'ן רבי'ן ר' אלימלך שטייט, אז נאך מעריב האט ער זיך פארשלאסן, ער האט נישט צוגעלאזט צו זיך קיינעם. איך האב ביי מיר דעם "אהל אלימלך", ברענגט ער אז ס'איז נישטא קיין שום 'עליות התפילה' אין דער צייט! נאר זיך צולייגן שלאפן, און אויפשטיין א האלבע נאכט![יט]

❖ ❖ ❖

## הנהגתו בראש השנה

ביים בעל שם הקדוש איז געווען - און ווייטער אפילו ביים רבי'ן ר' אלימלך - אלע האבן געדאוונט אין דער צייט. ביים רבי'ן רבי אלימלך איז געווען אזא מין (הנהגה), אז ראש השנה נאך צוועלפ'ע איז שוין געווען אפגעדאווענט. ער האט מקצר געווען מיט דער סעודה, ער האט נישט געפירט קיין טיש דארטן, און ער איז צוגעגאנגען צום עמוד און געזאגט תהילים. ער איז אליין געשטאנען ביים עמוד און אנגעהויבן זאגן תהילים

---

לו תשובה, וכל ערום יעשה בדעת. אמנם זאת העצה להבא לשוב אל ה' לא טוב היותו מגלה מומיו לבני אדם כמאמר דוד המלך ע"ה (תהלים לב, א) אשרי נשוי פשע כסוי חטאה, אכן אולי אחרי אשר לא יפרטם בשפתיו רק יצפנם בלבבו ישכח ויסיח מדעתו אשר העוה ויסורו מנגד עיניו, **לזאת העצה הנכונה שבעת אשר יהיה לבדו בלי חברת האדם בביתו או בחוץ ישפוך שיחו לפני ה'** ויתיך כמים לבו ולפרוט חטאיו ולהתודות עליהם ולבקש מלפניו יתברך שיפתח לו פתחי התשובה ויורהו נועם דרכיו, גם בשוכבו על משכבו בלילות זאת תהיה שיחתו בינו לבין בוראו ממקור לבבו, **ואם כה יעשה ימים על ימים בכל עת ובכל שעה גם בעת אשר יתהלך בחוץ לעסוק עסקיו אזי יבטח כי יפתחו לו שערי תשובה"**.

[יט] אהל אלימלך אות י"ד בשם בשער הגלגולים החדש ח"ב שנדפס ע"י בנו של בעל ה"תפארת שלמה" מראדאמסק זצ"ל, ושם כתוב: "ושמעתי כמ"פ מכבוד אדמו"ר זלה"ה שהזהיר מאוד לחברים המקשיבים ע"ז הענין של חצות, וצעק מאוד על האנשים החדשים מקרוב באו שהנהיגו להיות נעורים דוקא עד אחר חצות שעה א' או ב' ואח"כ ישנים, **ואמר בשם מגידי אמת איך שהרבי ר' אלימלך זי"ע** היה ישן מתחלת הלילה עד חצות והיה אצלו סגור ומסוגר, ואמר שאז אין שום עליה לתורה ולתפלה השמימה, רק דוקא אחר חצות".

מיט די גאנצע חברייא זיינע - דער רבי ר' אלימלך. אויסגעזאגט גאנץ תהילים ראש השנה[כ].

❖ ❖ ❖

## תּוֹכַחַת מְגֻלָּה מֵאַהֲבָה מְסֻתֶּרֶת

דער רבי ר' אלימלך און דער רבי ר' זושא, זענען ביידע ארומגעפארן, זיי האבן געליטן עטליכע יאר גלות. אז זיי זענען אריינגעקומען אין א ארט און זיי האבן געזעהן איינעם דארט עפעס א בעל עבירה, האט דער רבי ר' אלימלך שוין געזאגט: "**דו זושא אזוי טוהט מען ביינאכט?! אזוי פירט מען זיך ביינאכט?!**", וואס יענער האט געטוהן האט רבי אלימלך געזאגט צו ר' זושא'ן. און נאכדעם האט ר' זושא געזאגט: "**מיילעך, אזוי פירט מען זיך?!**".

- האט יענער געזאגט: "איך האב דאך דאס געטאהן, וואס ער האט געזאגט אויף אים - און ער האט געזאגט אויף אים!". יענער האט געזאגט: "די ביידע זענען דאך עפעס 'נביאים'; וואס איך האב געטאהן - רעדן זיי ביידע, זיי ביידע ווייסן וואס איך האב געטאהן; ער זאגט דעם, און ער זאגט דעם!". דאס איז א תוכחה - א 'אנדערע תוכחה', מיט אן אנדערע אהבה![כא]

דערפון איז יענער נתעורר געווארן צו תשובה! אזוי פלעגן זיי זיך פירן ביידע - אַה![כב] אט דאס הייסט אז מען זאגט נישט יענעם! אז איך וועל יענעם זאגן, וועל איך יענעם 'מבאיש ריח' זיין, יענער וועט נאך מער (אראפפאלן).

---

[כ] אהל אלימלך שמ"ב.

[כא] אהל אלימלך קל"ז.

[כב] עי' נועם אלימלך - ליקוטי שושנה, ד"ה שחורה אני ונאוה: ... אבל הצדיק המוצא עצמו באיזה חטא, **והוא מתחרט ומוכיח עצמו על קיצור בעבודתו יתברך שמו, אז גם כן מעורר לב אחרים בתשובה**, ואחר כך בעלותו בקדושה הוא מעלה גם כן כל ישראל עמו, וזהו רבי עקיבא כשהיה מתפלל בציבור היה מקצר ועולה, **רוצה לומר כשרצה להתפלל עם הצבור דהיינו שיעלה גם הציבור עמו, היה מקצר, פירוש היה יורד ממדרגתו ומוכיח עצמו שמקצר בעבודתו יתברך שמו, ועולה**, פירוש ואחר כך היה עולה להקדושה העליונה...

(השואל: דער רבי זאגט "תמה אני אם יש בדור הזה מי שיכול להוכיח"[כג]!?), יא, "מי שיכול להוכיח", מיינט דער רבי אויך דאס אייגענע: זאגן א 'פראסטע תוכחה' איז נישטא קיינער אין דער וועלט, עס מוז גיין מיט דעם וועג פון 'אהבה'.

❖ ❖ ❖

## א מת האסטו מיר געבראכט?

עס איז געווען א מעשה ביים רבי'ן ר' אלימלך, איינער א בעל תשובה איז געקומען צום רבי'ן ר' אלימלך, אין ער איז שוין געווען א 'טויטער' (חולה וחלש מרוב סיגופים), א 'מת' איז ער געווען. זאגט איהם דער רבי ר' אלימלך - 'וואס האסטו מיר געבראכט? א מת? איך קען דאך גארנישט רעדן מיט איהם?!'. האט דער רבי ר' אלימלך געזאגט צום זוהן ר' אלעזר'ן: "גיי, עטליכע וואכן גיב איהם עסן גוט, זאל ער קענען דער וועלט, נאכדעם וועסטו איהם ברענגען צו מיר - וועל איך קענען רעדן מיט איהם!". האט ער איהם געגעבן עסן און טרינקען, נאכדעם האט ער מיט איהם גערעדט וואס מען דארף רעדן[כד].

❖ ❖ ❖

## בעט איבער דיין איידעם!

דער 'בארדיטשובער רב' איז אויך געווען אן איידעם ביי א פראסטער מענטש, ער האט אבער נישט געהאט אין אים קיין געפיל, ער האט נישט געוואוסט ווער ער איז. איז געווארן קריגעריי (כי רצה שיעסוק במו"מ), איז שוין געבליבן אז ער זאל - די זעלבע ווי ביי ר' נתן'ען - אז ער זאל פארן מיט אים דארט צו די סוחרים און איינקויפן די סחורה, ער זאל אויך פארן! ער האט געהאט די געלט, ער האט געקויפט די סחורה - און צוריק, שוין, עפעס (זאל ער טוהן). פיין! (- הסכים).

---

[כג] עיי"ש, והוא עפ"י מאמר ר' עקיבא, ערכין דף ט"ז ע"ב.

[כד] מובא בספר "אהל אלימלך" (נדפס בפרעמישלא תר"ע) אות ש"ח.

איז ער געקומען דארטן וואו מען קויפט איין די סחורה, האט ער דארט געהאט עפעס א נסיון, און יענער האט אים נישט אפגעלאזט רח"ל. האט ער גזאגט "נאדיר די געלט", ער האט אוועקגעגעבן די געלט!

ער איז געקומען צוגיין (בחזרה) - און ער האט נישט קיין געלט... אסאך געלט האט ער אים געגעבן - און ער האט נישט די סחורה! ער איז געקומען אהיים, דער שווער (פרעגט אים איבער די געלט) "גיי, ווי האסטו אזוי געטוהן?!" (וענה:) "איך וויס נישט". ער האט נישט געוואלט זאגן, ער האט זיך נישט 'בארימט אז ער האט געהאט א נסיון - דאס איז דאך שוין א 'התפארות'! (ע"כ ענה:) 'ער ווייסט נישט', 'ער האט פארלוירן', ער האט נישט די געלט - שוין.

דערנאך איז א מעשה געווען, ער האט געהאט עפעס א משפט - דער שווער, א גרויסן בלבול האט ער געהאט עפעס. איז דער שווער אוועקגעלאפן צום רבי'ן ר' אלימלך. האט ער אים געזאגט: "**בעט איבער דיין איידעם, גיי בעט אים איבער!**".

דער משפט איז געווארן נעגטער, איז ער נאכאמאל געקומען צום רבי'ן ר' אלימלך, האט ער אים געזאגט: "**איך האב דיר געזאגט - בעט איבער דיין איידעם!**".

(בא אליו חותנו כדי לפייסו) איז פונקט דעמאלט אנגעקומען דער 'גנב', דער וואס האט צוגענומען די געלט ביי דעם נסיון, און ער האט געזאגט, אז פון דעמאלט אָן איז ער 'שלאַף' - ער האט אפגעבראכט די געלט, און פונקט דעמאלטס איז אנגעקומען דער שווער. איז ער דעמאלט געוואויר געווארן וואספארא געלט עס איז געווען... איז ער שוין געוואויר געווארן וואספארא איידעם ער האט - **א צדיק!**[כה]

❖ ❖ ❖

# אני היום ילדתיך

עס שטייט פונעם רבי'ן ר' אלימלך: אז 'צדיקים' - יעדן טאג זענען זיי מוסיף מערער. למשל - נעכטן האט ער געהאלטן ביי דער מדריגה, מוז ער היינט האלטן ווייטער. ער

[כה] אהל אלימלך שט"ז.

הויבט אן ביי וואס ער האט געהאלטן נעכטן; ביי וואס ער האט נעכטן געענדיגט - הויבט ער אן היינט - און ער איז 'מוסיף'![כו]

אבער 'משיח' וועט אלע טאג ווערן 'ניי געבוירן', ער וועט נישט אנהויבן ביי וואס ער האט נעכטן געענדיגט, ער וועט אנהויבן גלייך ווי ער איז 'ניי געבוירן' - און מער ווי נעכטן! ער וועט אזוי פיל מאכן היינטיגן טאג - נישט ער הויבט אן וואו ער האט נעכטן געענדיגט, ניין! ער הויבט אן ביים אנהויב, 'אני היום ילדתיך', און ער וועט אזוי פיל גיין - מערער ווי נעכטן![כז]

❖ ❖ ❖

## זיך אַנטזאגט פון זיין שוחט

דער רבי ר' אלימלך האט געהאט א תלמיד, דער נועם מגדים, טארניגראדער רב, ער האט גע'שמ'ט אין דער וועלט, ער האט געמאכט א ספר 'נועם מגדים', ער איז געוועזן דעם נועם אלימלך'ס א תלמיד. איז געקומען צו אים א שוחט, א מומחה, א ירא שמים, נעמען ביי אים הוראה אויף שחיטה. זאגט ער אים: 'פאר צו מיין רבי'ן פריער - צום רבי'ן ר' אלימלך, און אז ער וועט הייסן - וועל איך דיר געבן. אָן אים גיב איך נישט קיין הוראה. ער איז געוועזן דער רב אין טארניגראד (ואעפ"כ) האט ער געשיקט צו דעם רבי'ן רבי אלימלך פריער: דאס איז מיין רבי, אז ער וועט הייסן וועל איך דיר געבן.

---

[כו] עי' נועם אלימלך פר' חוקת: **"אך הענין הוא לרמוז שצריך האדם להיות הולך בעבודתו יתברך שמו מדי יום ויום יותר מיום העבר והיינו גם אם עסק בתורה לשמה ודביקות ביראה ואהבה היום. אז למחרתו יוסיף לפשפש במעשיו ולראות על הלימוד שלמד אתמול שלא יצא ידי חובתו ושלא היה כראוי וצריך ללמוד היום בבחינה יותר בקדושה וטהרה ופרישות רתת וחיל ורעדה וכן בכל יום ויום".**

[כז] עי' ליקוטי הלכות הל' תפילין ה"ה, אות ט"ו: "וזה בחינת משיח שנאמר בו (תהלים ב'), "אני היום ילדתיך". **כי משיח יזכה לבחינה זאת בשלימות שהוא בחינת חיים ארוכים הנ"ל שבכל עת יתחיל לחיות מחדש כאילו נולד היום**, בחינת אני היום ילדתיך, כי משיח ישיג בחינת למעלה מהזמן, כמבואר בדברי רביז"ל על פסוק זה, "אני היום ילדתיך", עיי"ש, כי בחינה זאת שהתפאר העוור הנ"ל שהוא זקן ויניק וכו' וכל העולם אינו עולה אצלו כהרף עין וכו', כל זה היא בחינת למעלה מהזמן, שזהו בחינת חיים ארוכים שיזכה משיח, בחינת (תהלים כ"א) חיים שאל ממך נתת לו, שהוא בחינת דוד מלך ישראל חי וקים, כי דוד הוא משיח".

איז ער געקומען צום רבי'ן ר' אלימלך, ער איז געווען א חשוב'ער יונגערמאן, א ירא שמים - מיט אלעם. (ענה לו הרבי ר' אלימלך:) גיי ארויף צו מיר אויף דעם בוידעם. איז ער ארויפגעגאנגען אויפן בוידעם, האט ער געזעהן, עס שטייט אן אלטער איד, ער נעמט א חלף און שחט זיך - און פאלט, ער שטעלט זיך אויף און שחט זיך נאכאמאל און פאלט... (וכן חוזר חלילה).

(שאל אותו הרבי ר' אלימלך:) וואס האסטו אויבן געזעהן? (כשענה לו, ענה לו הרבי ר' אלימלך פשר הדבר:) דאס איז געווען א איד, א שוחט, ער איז געווען אן ערליכער איד, נאר וואס דען? א גאנצע וואך האט ער נישט געטרינקען ווייל ער דארף דאך שחט'ן[כח]. פרייטאג נאכן מרחץ האט ער יא געטרינקען, ווייל קיינער וועט דאך נישט קומען שחט'ן נאכן מרחץ.

אמאל איז ער ארויסגעגאנגען פון מרחץ ווען ער האט געהאט געטרינקען (ובאה אצלו אחד עם עוף לשחוט אותה, וחשב בעצמו:) וואס זאל ער טאן?, אזוי פלעגט ער קיינמאל נישט טרינקען. (למעשה) האט ער גע'שחט'ן, און עס איז דעמאלט געווען א פגם (בהחלף) וואס ער האט דאס נישט דערפילט[כט], און אט דאס איז זיין עונש.

און דאס איז שוין געווען אן ערליכער איד, א שוחט, ער איז געווען גאר אפגעהיט, נאר ער איז דורכגעפאלן איינמאל מיט א מעשה פרייטאג נאכן מרחץ, איז אלע יארן שחט ער זיך (רח"ל).

האט ער געזאגט: "רבי, איך וויל שוין נישט זיין קיין שוחט!"

❖ ❖ ❖

## לאזער, דאס איז דאך אונזער דוד'ל!

יעדער זאך וואס א מענטש מאכט עס פאר א פראוו, איז א געוואלדיגער קיטרוג אויף אים. ר' דוד'ל לעלוב'ער - פון די גרויסע צדיקים און א תלמיד ביים רבי'ן ר'

[כח] עי' שו"ע יו"ד סי' א, סעי' ח' ובנו"כ.

[כט] כי השתוי אין לו כח הרגשה היטב כמו שצריך.

אלימלך און דער חוזה. איידער ער איז געקומען צום רבי'ן ר' אלימלך, האט ער געהאט 'תשובת הקנה' עטליכע מאל, ער איז געוואלדיג געווען, פון די גרויסע צדיקים.

ווען ער איז געקומען צו רבי'ן ר' אלימלך, האט דער רבי ר' אלימלך נישט געוואלט אפילו קוקן אויף אים, האט ער געהאט אין זיך אזא צובראכנקייט, (וואס הייסט) ער וויל אפילו נישט קוקן אויף אים. ר' אלעזר האט שוין באמערקט אז דער טאטע וויל נישט קוקן אויף אים, האט ער אים גארנישט צוגעלאזט צום רבי'ן ר' אלימלך. וויפיל ער איז געווען, ער האט זיך געדרייט (ולא עלתה לו, וחשב) וואס זאל ער טאן?.

עס איז געקומען ביי שלש סעודות אין דער פינסטער, דער רבי ר' אלימלך האט געזאגט תורה מיט א פייער. איז ער אריינגעגאנגען אין דער פינסטער, קיינער האט אים נישט געזעהן, האט ער געהערט ווי ער רעכנט אוים: "עס איז דא איינער וואס האט שוין מקיים געווען אזוי פיל מאל תשובת הקנה - פונקט אויסגערעכנט - און אזוי פיל עבודות, אויב מיינט ער נאר עפעס [איין האָר] 'זעך' - אין עבודות, השגות, איז דער שאול תחתיות פאר אים קארג!".

- האט ער פונקט צוגעטראפן אזוי ווי ער איז, ער האט געמיינט השגות מיט זאכענישן. האט ער געזעהן אז ער האט דאך אינגאנצן צוגעטראפן וואס ער איז, איז ער שוין ביינאכט אויפגעשטאנען חצות און ער איז שוין געלעגן אויף דער ערד און געשריגן: 'געוואלד, אבער איך וויל נישט קיין השגות, איך וויל שוין גארנישט!'

אינדערפרי איז ער אריינגעקומען נאכאמאל, האט אים ר' אלעזר נישט צוגעלאזט. דער רבי ר' אלימלך פלעגט אים רופן לאזער: "לאזער, דאס איז דאך אונזער דוד'ל, דאס איז דאך אונזער דוד'ל'! לאז אים צו!". דא ליגט עפעס א מין אמת!

❖ ❖ ❖

## א 'לייטער' צום גרויסן אור

ס'איז געווען איינער 'רבי דוד' (מזשילין), ער איז געווען א תלמיד ביים רבי'ן רבי אלימלך, און דער ר' דוד איז געווען אזוי גרויס אז ווען דער רבי ר' אלימלך האט חתונה געמאכט א קינד איז געווען די חברייא זיינע. האט זיך אנגערופן דער רבי ר' אלימלך:

'ווער עס האט נישט פאַרראָכטן חטאת נעורים זאל נישט גיין טאנצן'. האט זיך אנגערופן דער ר' דוד: 'אבער דער וואס האט נישט קיין חטאת נעורים, ער מעג גיין טאנצן'?! - און ער איז ארויס טאנצן - דער ר' דוד! אזוי גרויס איז געווען דער ר' דוד![ל]

[מ'זעהט טאקע אז ס'איז דא דארטן זיין קבר, אין ליזענסק פלעגן מען גיין אויף זיין ציון, ער ליגט אין ליזענסק - ר' דוד דער תלמיד].

❖

איינמאל איז ער נישט געווען ביים רבי'ן ר' אלימלך, און פאר דעם רבי'ן ר' אלימלך האט ער אויסגעפעהלט (היה צריך לו) - לויט זיין עבודה האט ער איהם געפעהלט. ער איז דעמאלט געווען ביים 'חוזה', דער חוזה האט דאך אנגעהויבן צו פירן ביים לעבן - נאך בחייו פון רבי'ן ר' אלימלך. איז דער רבי ר' אלימלך צוגעפארן צו ר' דוד'ן, האט געזאגט די רעביצין: 'ער איז נישט דא אינדערהיים'. האט ער שוין פארשטאנען וואו ער איז. ווען ער איז געקומען צו דעם רבי'ן ר' אלימלך, האט ער איהם געזאגט: 'וואו ביזטו געווען?'. זאגט ער איהם אזוי: "דער רבי איז אזא גרויסע אור - אז איך מוז האבן א 'לייטער', בין איך געגאנגען צום לייטער אז איך זאל קענען ארויפקריכן צום רבי'ן"! - אזוי האט ער איהם געענטפערט דער ר' דוד[לא].

❖

## "איר האט נאך אביסל?"

אויף דעם רבי'ן ר' אלימלך שטייט, אז אויף דער עלטער האט ער נישט געפילט קיין טעם אין עסן, גארנישט - און דער ר' דוד (הנ"ל) איז א גרויסער ארימאן געווען. דער רבי ר' אלימלך איז אמאל געווען ביי אים, און זיי האבן נישט געהאט נאר אביסל מעל מיט אביסל וואסער - זיי האבן אויך נישט געהאט קיין ציבעלע צו צובראקן - און מען

[ל] אהל אלימלך ר"נ.

[לא] אהל אלימלך של"א.

דארף דאך פאר דעם רבי'ן ר' אלימלך געבן עפעס צו עסן - האט זי געמאכט אביסל פראסטע טיי-וואסער[לב].

אז דער רבי ר' אלימלך האט געגעסן (אמר:) **"עס איז דאך זייער גוט, האסט נאך אביסל?"**.

שוין, דער רבי ר' אלימלך קומט אהיים, דערציילט ער צו די רעביצין. איז זי אוועקגעפארן צו ר' דוד'ס רעביצין איר פרעגן: "וואס האסטו געטאן אז דער רבי האט אזוי הנאה געהאט?".

האט זי געזאגט - דער רעביצין - ר' דוד'ס: "איך האב געהאט אביסל מעל, איך האב געבעטן: 'רבוש"ע, דער צדיק איז דא ביי מיר, איך האב דאך נישט מער - נאר מעל מיט וואסער האבן מיר - מער נישט, גיב אריין דעם טעם פון גן עדן אין דעם אז דער רבי זאל פילן א טעם' - האט מען אריינגעגעבן דעם טעם פון גן עדן אין דאס עסן, האט דער רבי געפילט א טעם גן עדן".

❖ ❖ ❖

## אט דאס ווילט איר מאכן פון מיר

א געוואלדיגער אמת האט ער (הרה"ק מליזענסק) געהאט איז זיך. די קינדער זיינע זענען נישט געווען קיין 'מפורסמים'; ר' אלעזר איז געפארן צום קאזשניצער מגיד און צו ר' מרדכי'לע נעשכיזער[לג]. עס איז געווען - ר' אלעזר האט א זוהן געהאט ר' נפתלי - ער האט זיך משדך געווען מיט דעם מאגליניצער - ר' חיים יחיאל מאגליניצער (השרף ממאגליניצא), דעם קאזניצער מגיד'ס אן אייניקל. און דער ר' נפתלי איז נישט געווען קיין רבי, ווייל דער רבי ר' אלימלך'ס קינדער זענען נישט געווען קיין רבי'ס.

און אז ער האט זיך משדך געווען מיט דעם מאגליניצער - דער מאגליניצער האט דאך גע'שמ'ט אין די וועלט - האט ער (המאגליניצער) א זאג געגעבן (לר' נפתלי): איך וויל

---

[לב] שם.

[לג] עי' אהל אלימלך אות קנ"ז: "פעם אחת אמר הרב ר' אלימלך לפני אנ"ש: **בני לא יהיו רבנים ועשירים ויחזרו על הפתחים. ואם לא יהיו ראויים מעצמם לא יתנו להם"** וכו'.

נישט גיין צו דער חופה (איידער איר) ווערט א רבי. עס וועט זיין א בזיון אז ער וועט האבן א מחותן וואס ער איז נישט קיין רבי - זאל ער זיין א רבי. די חופה איז געווען פרייטאג צונאכטס.

זאגט ער (ר' נפתלי): "**הערט צו מחותן: איצטער איז פרייטאג פארנאכטס** - **מיר** (וועלן נאך) **רעדן, מיר** (וועלן נאך) **רעדן!**". שוין, מען האט געמאכט די חופה.

עס איז געקומען שבת פארנאכטס, ביי שלש סעודות, איז ער (המאגליניצער) געזעצן שפעט אין דער נאכט אריין. האט ר' נפתלי שוין אפגעדאווענט, געמאכט הבדלה, און ער האט זיך אנגעטוהן אזוי ווי א קוימען קערער - דער וואס קערט דארטן די קוימענעס - מיט א בעזעם אין דער האנט, און ער איז אזוי אריינגעקומען צו שלש סעודות. זעהט ער (דער מאגליניצער). זאגט ער אים: 'וואס איז דאס?' (ענה לו ר' נפתלי:) "**אט דאס ווילט איר מאכן פון מיר!**"... האט ער שוין געזעהן ביי וואס ער האלט.

איך מיין דאס דאזיגע, אז דער רבי ר' אלימלך האט געהאט אין זיך אסאך אמת - אלע זיינע קינדער (און אייניקלעך) זענען נישט געווען קיין (מפורסמים). זיי זענען געווען (רבי'שע) אייניקלעך, אבער נישט קיין רבי'ס...

# נספח מתוך ספר
# שיח שרפי קודש (ישן)

## שאל אביך

הַצַּדִּיק רַבִּי אֶלְעָזָר, בְּנוֹ שֶׁל בַּעַל הַ"נּוֹעַם אֱלִימֶלֶךְ", נָסַע פַּעַם לְשַׁבָּת לְקוֹרִיץ כְּדֵי לִשְׁהוֹת עִם הַצַּדִּיק רַבִּי פִּנְחָס זַצַ"ל, בְּיָשְׁבוֹ כָּךְ בַּשֻּׁלְחָן נֶאֱנַח וְאָמַר "אוֹי טַאטֶע" "אוֹי אַבָּא", בְּשָׁמְעַ זֹאת רַבִּי פִּנְחָס, נַעֲנָה וְאָמַר לוֹ בִּלְשׁוֹן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה: "דִּילְמָא לַאו אָבִיו הוּא" כְּאוֹמֵר שֶׁמָּא בִּגְלַל עֲווֹנוֹתָיו שֶׁל הָאָדָם מִתְרַחֵק מִמֶּנּוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וְשָׁתַק. כְּשֶׁחָזַר לְבֵיתוֹ וְסִפֵּר זֹאת לְאָבִיו, אָמַר לוֹ אָבִיו: הָיִיתָ צָרִיךְ לַעֲנוֹת לוֹ בִּלְשׁוֹן הַכָּתוּב (דברים לב) "שְׁאַל אָבִיךָ", "שׁוֹאֲלִין וְלוֹוִין לְעַצְמוֹ אָב". "**בָּארְגְט מֶען זַאךְ אוֹיס אַ טַאטִין**"[לד]. (שיח שרפי קודש ח"ד, אות תרכ"ו:)

❖ ❖ ❖

## הפולנים הגנבים

אָמַר פַּעַם הַצַּדִּיק רַבִּי נָתָן אַדְלֶער זַ"ל בְּשֶׁבַח הָאַחִים הַקְּדוֹשִׁים הֲלֹא הֵם רַבִּי זוּשָׁא וְאָחִיו רַבִּי אֱלִימֶלֶךְ: "**הַפּוֹלָנִים הָאֵלּוּ גַּנָּבִים הֵם, הֵיכָן שֶׁאֲנִי בָּא** (בעולמות העליונים) **אֲנִי מוֹצְאָם שֶׁכְּבָר הִקְדִּימוּנִי**"[לה]. (שיח שרפי קודש ח"ה, אות תס"ח)

❖ ❖ ❖

---

[לד] מובא בספר אהל אלימלך, אות נ', בשם ספה"ק "דברי יחזקאל" פר' מסעי, הפטורה.

[לה] אהל אלימלך, אות רי"ג.

## מטמא טהורים

אָמַר הַצַּדִּיק רַבִּי אֱלִימֶלֶךְ מִלִּיזֶ'ענְסְק זַצַ"ל שֶׁשָּׁמַע מֵרַבּוֹ הַמַּגִּיד בְּשֵׁם הַבַּעַל שֵׁם טוֹב זַצַ"ל: שֶׁהַחַזָּן הַמִּתְפַּלֵּל כִּשְׁלִיחַ צִבּוּר דּוֹמֶה לְמַעְדֵּר וּמַגְרֵפָה, שֶׁאַף שֶׁבַּמָּקוֹם שֶׁמְּנַקֶּה אָכֵן נַעֲשֶׂה נָקִי, אֲבָל הוּא עַצְמוֹ מִתְלַכְלֵךְ בְּהִרְהוּרֵי הַגַּאֲוָה וְהַגַּדְלוּת[לו]. (שיח שרפי קודש ח"ה, אות תצ"ב)

❖ ❖ ❖

## איך יערב לך שינתך?

שִׁבַּח הַצַּדִּיק רַבִּי אֱלִיעֶזֶר בֶּן הַצַּדִּיק רַבִּי אֱלִימֶלֶךְ מִלִּיזֶ'ענְסְק זַצַ"ל אֶת אִמּוֹ עַל זֶה שֶׁהָיְתָה מְעוֹרֶרֶת אֶת אָבִיו לְקִימַת חֲצוֹת, וְהָיְתָה פּוֹנָה אֵלָיו בְּדִבּוּרִים כְּמוֹ: רַבִּי אֱלִימֶלֶךְ, אֵיךְ יֶעֱרַב לְךָ שְׁנָתְךָ כְּשֶׁגְּזֵרוֹת כָּאֵלּוּ וְכָאֵלּוּ יֵשׁ עַל יִשְׂרָאֵל? קוּם הִתְפַּלֵּל וּשְׁפֹךְ שִׂיחָתְךָ לִפְנֵי קוֹנְךָ שֶׁיְּרַחֵם עֲלֵיהֶם![לז]. (שיח שרפי קודש ח"ה, אות תצ"ה)

❖ ❖ ❖

## לך אל אחי

בִּהְיוֹת הַצַּדִּיק "הַחוֹזֶה מִלּוּבְּלִין" צָעִיר לְיָמִים, רָאָהוּ פַּעַם הַצַּדִּיק רַבִּי זוּסְיָא מֵהַאנִיפּוֹלִי וְהִבִּיט עָלָיו זְמַן מָה (וְהִפְלִיא הַחוֹזֶה אַחַר כָּךְ אֶת הַבָּטָתוֹ שֶׁמַּבִּיט עָלָיו). אַחַר כָּךְ פָּנָה אֵלָיו רַבִּי זוּסְיָא וְאָמַר לוֹ: אֲנִי נָתַתִּי לְךָ נֶפֶשׁ

[לו] עי' ספר מאור ושמש - פרשת שמיני: **"וגם כך שמעתי מפי אדמו"ר מוה"ר אלימלך זצוק"ל שאמר בשם הרב ר' בער מראוונא שאמר בשם הבעש"ט שהדורש ברבים נמשל למרא וחצינא שמשליך הזבל מהבית לנקות את הבית ונתלכלך בעצמו כך הוא השליח ציבור הן בעת הדרשה הן בעת עומדו לפני העמוד שמזכך בני אדם שמתעוררים בתשובה על ידו והוא נופל קצת ממדריגתו על ידי זה מחמת שמחשבות של העולם נופלים עליו"**.

[לז] אהל אלימלך, אות קע"ד.

וְרוּחַ, אִם בִּרְצוֹנְךָ גַּם נְשָׁמָה לֵךְ אֶל אָחִי רַבִּי אֱלִימֶלֶךְ[לח]. (שיח שרפי קודש ח"ה, אות תק"ז)

❖ ❖ ❖

## מה אתה מתפלא על נכדי?

בָּא פַּעַם הַמְלַמֵּד שֶׁל נֶכְדּוֹ שֶׁל הַצַּדִּיק רַבִּי אֱלִימֶלֶךְ מִלִּיזֶ'עְנְסְק זַצַ"ל אֵלָיו וְאָמַר לוֹ שֶׁנֶּכְדּוֹ מִשּׁוּם מָה אֵינוֹ רוֹצֶה לִלְמֹד כַּהֹגֶן. שָׁאַל רַבִּי אֱלִימֶלֶךְ אֶת הַיֶּלֶד, יַלְדִּי, הֲרֵי רַבִּי טוֹב הוּא וּמַדּוּעַ אֵינְךָ רוֹצֶה לִלְמֹד אֶצְלוֹ, וְלֹא עָנָה לוֹ תְּשׁוּבָה. וְכָךְ נִמְשַׁךְ הַדָּבָר עַד שֶׁשָּׁאַל רַבִּי אֱלִימֶלֶךְ אֶת הַמְלַמֵּד, אֱמֹר נָא לִי הֵיכָן לָמַדְתָּ אַתָּה? וְעָנָה לוֹ אֵצֶל מְלַמֵּד זֶה וְזֶה, וְשָׁאַל וְחָקַר אֵצֶל מִי לָמַד רַבּוֹ שֶׁל הַמְלַמֵּד עַד שֶׁנּוֹדַע לוֹ שֶׁהָעוֹזֵר שֶׁל הַמְלַמֵּד בַּדּוֹר הָרְבִיעִי הָיָה מַשְׂכִּיל וְעוֹסֵק בַּחֲקִירוֹת, עָנָה וְאָמַר לוֹ רַבִּי אֱלִימֶלֶךְ לְהַמְלַמֵּד: **"נוּ וְכִי מִתְפַּלֵּא אַתָּה עוֹד עַל נֶכְדִּי עַל שֶׁאֵינוֹ רוֹצֶה לִלְמֹד אֶצְלְכֶם"**[לט]. (שיח שרפי קודש ח"ו, אות תקמ"ו)

---

[לח] אהל אלימלך, אות רי"ט.

[לט] אהל אלימלך, אות קמ"ג, עיי"ש בשינוי קצת.